Radomer - Kielcer Leben" 33 (373) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-ער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

הייגט 8 זייטן.

Radom, dnia 21 Sierpnia 1931 r.

ראדאם, פרייטאג, ח' אלול תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
איין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

# ראדאמער-קעלצער לעבען


Dyrekcja gimnazjum

TOW. „PRZYJACIÓŁ WIEDZY"

w RADOMIU.

podaje do wiadomości, że egzaminy wstępne odbędą się dn. 2 i 3 września rb.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja gimnazjum (Kilińskiego 13) codziennie od godz. 11 do 14.

*DYREKCJA.*



Biuro próśb, windykacji i buchalterji

„EXPRESS"

RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 9 (Jacka Malczewskiego 6)

za dostępną opłatę

Redaguje prośby, podania, odwołania, umowy it p.
załatwia korespondencję handlową i prywatną.
przepisuje na maszynach i tłumaczy wszystkie języki.
windykuje należności miejscowe i zamiejscowe
informuje o zdolności kredytowej.

i załatwia wogóle wszystkie czynności w zakres biurowości wchodzące

Tanio! Szybko! Solidnie!


דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר
און פערוואלטונג'ס-מיטגליד פרנס מ. ראזענבוים
צוליב'ן טויט פון זיין ליבע מוטער

## דבורה גיטעל

די פערוואלטונג פון האנדוו. קלוב
" " פון שניידער צעך

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר
משה ראזענבוים צוליב'ן טויט פון זיין ליבע מוטער

## דבורה גיטעל.

זאל ער א טרייסט געפונען אין דער ווייטערדיגער געזעלשאפטליכער ארבייט
והמקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

חברה „אהבת רעים" אין ראדאם.

Koledze Izakowi Furmanowi
z intencji zaręczyn Jego
z panną Różą Lipszycówną
życzą wiele szczęścia

*Marek Müller* z Narzeczoną.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער חבר יצחק קירשענבלאט
צו דער האכצייט פון זיין טאכטער
שרה מיט ה' מאיר זילבערשפיץ
זאל ער פון יונגען פארל פיעל נחת דערלעבען.

חברה „אהבת חברים" אין ראדאם.

אונזער לאנגיעהריגען מיטגליד און מיטארבייטער פון „לינת-הצדק"
ה' אברהם מאשקאוויטש צו דער חתונה פון זיין טאכטער
ווינשען מיר איהם די יודישע ברכה „מזל-טוב" און דעם יונגען פארל
א גליקליך צוזאמענלעבען.

פערוו. „לינת"הצדק" ראדאם.

מזל טוב אייך פריינד מאשקאוויטש
צו דער חתונה פון אייער טאכטער
גיטעל מיט ה' משה ציגעלמאן.
אברהם מענדעל פערל, רייזעל לערמאן.


Biuro Próśb, Odwołań i Windykacji „REKORD"

RADOM, ul. Rwańska Nr. 21.

**Załatwia**: podania, odwołania do wszystkich instytucji rządowych i samorządowych, umowy, korespondencję handlową, i t. p.
**Zakłada**: księgi buchalteryjne, **windykuje**: należności wekslowe. i otwarte zarówno miejscowe, jak i zamiejscowe,
**przepisuje** wszelkie dokumenty na maszynach i tłómaczy obce języki.

Wszelkie te czynności wykonywa szybko — i po cenach przystępnych. —


Głęboko dotknięci przedwczesną śmiercią naszego drogiego kolegi — członka Zarządu

## Ś. P. Lejzora Gutmana

wyrazy szczerego ubolewania składa pozostałej rodzinie.

ZARZĄD
*Ż. T. G. S. „MAKABI"*
w Radomiu.

# קעלצער אבטיילונג.

## די סאנירונג פון דער פאלק'ס-באנק ברענגט גוטע רעזולטאטען.

עס איז ערשט א קורצע צייט אריבער זייט דער לעצטער, שטורמישער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דער היגער פאלקס באנק. פיעל האבען דאן זיכער געטראכט, אז צום גרעסטען בעדויערן, חעט אזא שטורם גורם זיין צו דער ליקווידאציע פון דער באנק. אבער, חייזט אויס, אז אזא אינסטיטוציע ווי די פאלקס-באנק, וואס שטיצט זיך הויפטזעכליך אויף דעם פאלקס גראשען, און איז גלייכצייטיג דער איינציגער שטיץ-פונקט פאר די אינטערעסען פון דעם ארימען יודישען קליינהענדלער און האנדווערקער, אזא אינסטיטוציע קאן נישט אונטערגעהן!

מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג און מיה, האט די נייע לייטונג געארבייט די לעצטע צייט, ביז עס איהר געלונגען ארויסצושטעלען די באנק אין א נארמאלער לאגע. אזוי, אז איצט דראהט נישט קיין שום קאטאסטראפע.

פאריגען זונטאג האט די באנק-לייטונג גערופען א אינפארמאציע-פערזאמלונג. עס איז געקומען א גרויסע צאהל מיטגלידער, וואס האט רוהיג אויסגעהערט די בעריכטען.

דער ערשטער רעדנער, וו. דירעקטאר ה' ווארגאן, האט אנגעוויזען די סיבות, וואס האבען דערפיהרט צום קריזיס פון דער באנק. איינע פון די סבות איז געווען דער פערלוירענע צוטרוי מצד די דעפאזיטירען צו דער באנק. אבער דורך א קורצער צייט האט די באנק אויסגעצאהלט העכער 600 טויזענד זלאטעס. די דעפאזיטען סומע בעטרעפט איצט בלויז 160 טויזענד זלאטעס.

דאן רעדט פרעז. ראזענבערג, וועלכער ווייזט אויף מיט ציפערן, אז דער פאלק'ס-באנק דראהט נישט קיין אינטערגאנג. בלויז דער פעסטער קאפיטאל פון דער באנק בעטרעפט 125 טויזענד זל. דער וועקסעל-פארטפעל שטייגט איבער די דעפאזיטען סומע. אויסער דעם בעזיצט די באנק 100 טויזענד זלאטעס פראטעסטירטע-וועקסלען, וואס האבען מינדעסטענס א העלפט, א געלד ווערט. בלייבט איצט נאר, אז די מיטגלידער זאלען אין אייגענעם אינטערעס מיטווירקען, אז די באנק זאל האבען פליסענד-קאפיטאל און צוצאהלען צו די פייען פון 50 ביז 100 זלאטעס. אויסער דעם זאלען די מיטגלידער בעצאהלען, יעדער לויט זיין מעגליכקייט, די וועקסעל-חובות און אזוי ארום פערוואנדלען דעם „טויטען-קאפיטאל" אין א פליסענדען.

דער רערנער איז זיכער, אז אויב די מיטגלידער וועלען נאר האבען דערצו א גוטען ווילען וועט די באנק גאר אינגיכען שטעהן אויף איהר אמאליגער הויך.

די פערזאמעלטע האבען טאקע באלד ארויסגעוויזען זייער גוטען ווילען און זיך אויפ'ן ארט דעקלארירט מיט פערשידענע סומען.

## ווי אזוי א קאמארניק האט סעקוועסטרירט געלד פאר שטייערן.

א כאראקטעריסטישער פאל, פון א מיטעל ביים אויפמאהנען שטייערן, האט היינטיגע וואך פאסירט אין קיעלץ.

דער היגער קאמארניק יאנטשור האט דורכגעפיהרט א ליציטאציע פון האלץ-ארטיקלען, וואס האבען געהערט צו דער בעקאנטער פירמע פערלען.

צווישען אנדערע איז צו דער ליציטאציע אויך צוגעשטאנען א בעקאנטער קיעלצער סוחר ה' ש. ל., וועלכער האט, צוגלייך מיט די איבריגע רעפלעקטאנטען, איינגעצאהלט די קויציע-סומע פון 1000 זלאטעס.

ווי עס טרעפט זיך אבער אין פיעל פאלען, איז די ליציטאציע, צוליב געוויסע סיבות נישט צושטאנד געקומען און דער קאמארניק האט דעריבער יעדען צוריק געצאהלט די קויציע.

ווען ה' ל. האט געפאדערט זיינע 1000 זלאטעס האט איהם דער קאמארניק גלייכצייטיג איבערגעגעבען א קוויטירונג אויף דער סומע פאר א אלטען שטייער, וואס ה' ל. זאל שולדיג געבליבן א געוויסע מלוכה'שע אינסטיטוציע.

ה' ל. איז געבליבען פשוט איבערראשט פון אזא „טיורפרייז" און אויפגעוויזען דעם קאמארניק, אז ער האנדעלט נישט רעכטליך ווייל עס איז פערבאטען אויף אזא אופן איינצומאהנען געלד פאר שטייערן.

דער קאמארניק האט אבער דאס געלד נישט געוואלט צוריקגעבען.

שפעטער אבער האט ה' ל. נאכקאנטראלירט און געפונען, אז א גרויסען טייל פאר די דערמאנטע שטייערן האט ער שוין לאנג בעצאהלט. נאכ'ן בעווייזען די קוויטירונג האט ער צוריק בעקומען דעם דאזיגען טייל פון די סעקוועסטרירטע 1000 זלאטעס.

## קאמוניקאטען.

### קליינהענדלער-פעראיין אין קעלץ.

א דאנק דער איניציאטיוו פון א גרופע קליינהענדלער, איז לעצטענס אין קיעלץ געגרינדעט געווארען א קליינהענדלער-פעראיין.

דער לאקאל פון פעראיין געפינט זיך צייטווייליג אויף בארזענטינסקא 16 ביז איצט האבען זיך דעקלארירט העכער 100 מיטגלידער.

דער ארגאניזיר קאמיטעט בעשטעהט פון די ה"ה ש. גוטמאן, מ. בירלאווסקי, י. פיאסקאגורסקי, י. ווייצהענדלער און י. ווייסבערג.

עס איז צו האפען, אז אלע קיעלצער קליינהענדלער וועלען זיך זיכער רעיעסטרירען אלס מיטגלידער פון דעם דאזיגען פעראיין, וואס וועט בלי ספק שפיעלען א ראל אין יודישען ווירטשאפטליכען לעבען פון קיעלץ.

## ברוך הבא - פעלד איז דא.

מארגען שבת-צו-נאכט וועט דאס ראדאמער טעאטער-פובליקום מקבל פנים זיין, ויין ליבלינג, דעם געקרוינטען יודישען טשארלי טשאפלין יצחק פעלד.

פאר זיין אבפאהרען צוריק קיין אמעריקא מאכט פעלד א טורנעי איבער פוילען און אין דער ערשטער רייה בעזוכט ער די שטעדט ראדאם, קיעלץ, וואו ער האט שטענדיג געהאט א ריזיגען ערפאלג.

לויט דעם פאר-פערקויף פון די בילעטען וועט די מארגענדיגע פארשטעלונג צאהל-רייך בעריכט ווערען.

אין קעלץ וועט פעלד אויפטרעטען זונטאג.

פעלד איז אין קעלץ זעהר פאפולער. שוין מיט יאהרען צוריק האט ער מיט זיינע אפטע גאסטראלען זיך ערווארבען ביים טעאטער-עולם די פולסטע אנערקענונג און פיעל סימפאטיע.

אין א קריטישע צייט — שענקען מענשען
זייער צוטרוי בענק סאלידע
— און פינאנסיעל-געזונטע —
דעריבער ארבייטען אלע מיט דער
BANK UDZIAŁOWY
KIELCE.



## ZAWIADOMIENIE.

Niniejszem mam zaszczyt zawiadomić Sz. Rodziców iż z dniem 1-go Września 1931 r. otwieram

**KOEDUKACYJNY**

# ZAKŁAD FREBLOWSKI

## i PRZEDSZKOLE

**dla dzieci w odpowiadającym wieku.**

Doskonałe urządzenia techniczne, wzorowa opieka i rutynowane siły pedagogiczne będą dla Sz. Rodziców dostateczną rękojmią sumiennego wykonywania powierzonych mi zadań wychowawczych. Obok języka polskiego, jako wykładowego, będzie również w odpowiadającej mierze wykładany język hebrajski (w czytaniu, śpiewie i piśmie).

Informacyj udziela się w Kancelarjii Zakładu, począwszy od dnia 26-go Sierpnia b. r. w godz. 11 — 2 przy ul. **Żeromskiego 12** (w podwórzu, ostatnia sień).

Z poważaniem

*R. LANDAU.*

---

## Biuro Próśb i Podań

# p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

| ZAŁATWIA: | Redaguje Podania: |
|---|---|
| Sprawy paszportowe<br>Mieszkaniowe<br>Wszelkie Tłomaczenie<br>i inne. | Do Władz Sądowych<br>Skarbowych<br>Administracyjnych<br>i Wojskowych. |

Windykacje należności w całej Polsce.

**Informacje o zdolności kredytowej**

**Przepisywanie na maszynach.**

Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

---

# GAZOWNIA

## MIEJSKA

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען

**קעכלער** גאזאווע איינס און צוויי פלאמיגע

**קעכלעך** פאמילינע און האטעלאווע

**אייוועלעך** צום באדען

**אייוועלעך** צום בראטען

**אייזענס** צום פרעסען פאר פריוואט און פאר שניידער

**הייצערס** צו פריזירער רעדלעך

**„טערמא"** אטאמאטישע אויף צו דערווארמען וואסער פאר דאקטוירים, דענטיסטען, פריזירערס און עהנליכע פראפעסיעס.

אלערליי גאז-אפאראטען ווערען פערקויפט

——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———

די גאזאווניע פיהרט אויס שטוב-אינסטאלאציעס

אויף אויסצוצאהלען אין 12 ראטעס.

די גאז-אפאראטען קען מען בעקוקען אין די סקלאדעס פון די גאזאווניע אויף פלאדושאנאוו פון 10 ביז 2 נ. מ.

אלע אינפארמאציעס ערטיילט די ביורא פון די גאזאווניע טעל. 134

---

# נאר איין אווענד!

| אין קעלץ | אין ראדאם |
|---|---|
| זונטאג דעם 23 ר.ח. 9 אוונט | שבת דעם 22 ר.ח. 9 אוונט |
| אין טעאטער „פאלסקי". | „טעאטער ראזמאיטאשטשי". |

פון בארימטן קאמיקער, לובלינג פון אמעריקא און פוילן!

דער יודישער טשארלי טשאפלין

# יצחק פעלד

צוזאמען מיט זיין בארטנערקע **לאלא שפילמאן** | ווי אויך די פלאם-פייערדיגע סוברעטין **חנה גראסבערג**

א גראנדיעזע דעפילאדע פון הומאר, טענץ, געזאנג, פרייד, געלעכטער חסידיש, נגידיש, ממזריש...

---

# אכטונג עלטערן!

עס קומט יעצט א ניי שול-יאר און דאריבער שטעלט זיך מן הסתם ביי אייך די פראגע וואס צו טון מיט אייער זון, בכדי ער זאל אויסוואקסן אויף א קולטורעלן בירגער און באוווסטזיניגען יוד. וואס טוט מען? ווו שיקט מען אים? געדענקט אלזא, אז

**די „שול-קולט" שולע** מיט רעגירונגס-רעכט איז די איינציקע נאציאנאל-וועלטליכע יוד. שולע אין ראדאם.

**די „שול-קולט" שולע** קומט נישט יעצט מיט נייע הבטחות, ווי אנדערע, נאר קומט שוין מיט מעשים! ס'איז אדורך א יאר פון ארבעט, וועלכע האט גלענצענדע רעזולטאטן געבראכט. די לעצטע קלאסיפיקאציע-עקזאמענס האבן אימפאזאנט באוויזן איהר הויכע פעדאגאגישע מדרגה פון דער לערע און דערציונג.

**די „שול-קולט" שולע** גיט זייער ערנסט און געוויסענהאפט אירע דערציונגס-אויפגאבן, באמיענדיג זיך, אז דער יידישער פאטער זאל אין די היינטיקע שווערע צייטן כאטש האבן דעם פארגעניגן פון דער גייסטיקער ענטוויקלונג פון זיין קינד.

**די „שול-קולט" שולע** גיט אירע שילער א נאציאנאל-וועלטליכע דערציונג אין פולסטן און ברייטסטן זין פון ווארט. צוזאמען מיט די אלגעמיינע למודים וואס זייער פראגראם אנטשפרעכט 4 קלאסן גימנאזיע ווערן אין דער ברייטסטער מאס געלערנט די יודאאיסטישע למודים, ווי העברעאיש, יידיש, תנ"ך, תלמוד, יוד. געשיכטע א.א.

**עלטערן!** אויב ס'איז אייך טייער דער גורל פון אייערע קינדער שרייבט זיי איין מיטן פולסטן צוטרוי אין דער „שול-קולט" שולע.

מיט אכטונג

**עלטערן-קאמיטעט**

ביי דער **„שול-קולט שול"**

**בעמערקונג:** איינשרייבונגען פון געוועזענע און נייע שילער קומען פאר פון 26-טן שערפיען אין דער שול-קאנצעלאריע (היטאלדא 7) פון 11 ביז 1 נ. מ.

---

— די — שענסטע **טאפעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאנג-יעהריגער פירמע

# ש. שטיינמאן

ראדאם, לובלינער 21.

---

Redaktor Ch. M Here

Drukarnia Wyd. Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20.